בעזהשי"ת

# וועד המחקר לעניני סת"ם ירושלים עיה"ק תובב"א

## חודש חשון שנת תשס"ו לפ"ק

# דעת תורה - למען ציון לא נחשה

אל הרבנים הגאונים ואל אחינו היקרים שליט"א

מיר אונטערגעשריבענע פון וועד המחקר לעניני סת"ם, האבען אנגערופען אופן טלפון און אויך פערזענליך אריבער געגאנגען צו רוב סופרים פון שטאט.

מיר האבען זיי געבעטען עטליכע פָאר פרשיות פאר תפילין און אויך עטליכע מזוזות!

**<u>הערט און שטוינט וואס פאר אן אינפארמאציע מיר האבן באקומען</u>**

דער קונה: איך בין אינטערעסירט צו קויפן עטליכע פָאר פרשיות פון אן ערליכען סופר, זאל זיין אויסגעהאלטען הונדערט פראצענט, קען איך דאס ביי אייך באקומען???

דער סופר: פאר דעם בין איך דא עוועליבעל פאר אייך, איך פארקויף נאר היימישע זאכען, הונדערט פראצענט כשר!

דער קונה: איך וויל אייך פרעגען וואס טוט זיך וועגען דעם קלף, ווייל איך האב געהערט א מען קאכט וועגען דעם!

דער סופר: עס איז נישט קיין פראבלעם, מיר ארבעטן נאר מיט היימישע אידען, אלעס איז אין ארדענונג!

דער קונה: וואס הייסט אין ארדענונג, עס האט א הכשר?

דער סופר: איך האב אייך געזאגט אז דער קלף מאכער איז א היימישער איד!

דער קונה: וואס הייסט היימיש, איך עס נישט קיין היימישע ברויט אן א הכשר, איך עס נישט קיין צוקערלעך אן א הכשר, איך טרינק נישט קיין קאקא קאלא אן א הכשר, און פונקט תפילין זאל איך קויפן פאר 1700$ אן א הכשר, אנשולדיגט איך בין נישט אויפן קאפ געפאלען!

איר האט תפילין פארטיגע פון קלף מיט א הכשר, יא אדער נישט!

דער סופר: יא איך האב מיך דערמאנט אז דער קלף האט א הכשר פון הרב וואזנער שליט"א.

דער קונה: יא, איך בין מסכים, זיין הכשר איז מיר גוט, אבער דאס איז טאקע מיט אלע חומרות?

דער סופר: יא אוודאי!

דער קונה: ווי אזוי הייסט די קלף מאכער? ווער מאכט דאס?

דער סופר: ענטפערט דעם נאמען פון קלף מאכער.

מיר שרייבען נישט קיין נעמען! מיר האבען אנגערופען הרב וואזנער צו ער גיט א הכשר אויף דעם קלף? ער האט געענטפערט לא היה ולא נברא, ער האט אפילו נישט געבעטען קיין הכשר!!!

מיר האבען נאך אסאך אינפארמאציע מיט טעיפס, מיר ווילען נישט מאריך זיין, מיר האפען אז אויב דער מכשול גדול וועט נישט מתוקן ווערען וועלן מיר מפרסם זיין לרבים אלע אינפארמאציעס איבער די טעמע, עס וועט זיין גרויסע בושות, פאר סופרים און אויך פאר אסאך רבנים, וואס האבען זיך אויסגעלאכט און טוהען גארנישט איבער דעם ענין.

## מיר קומען דא מיט אן אויפרוף צום בית דין פונעם עדה החרדית פון ירושלים עיה"ק, אויך צום בי"ד פון הרב וואזנער שליט"א.

איר מוזט ארויס קומען מיט א געוואלד, אז מען טאר נישט קויפן ביי קיין שום סופר אן קיין שום אויסנאם, נאר אויב ער האט א כתב אז ער קויפט קלף נאר ביי א קלף מאכער מיט א הכשר פון באגלייבטע רבנים וואס נעמען אויף זיך דעם אחריות אויף די אלע תפילין ומזוזות בזה ובבא.

מיר זענען ליידער איבערצייגט דאס די רבנים זענען אזוי פארדארבן אז עס גייט זיי אהן די כשרות פון תפילין ומזוזות נישט א מאל אין די לינקע פאה.

אדרבה אינטערעסירט אייך וועט איר דאס געוואר ווערען, יעדער האט אן אנדערן תירוץ אוועקצומאכען די הארבקייט.

מיר דאנקען פאר דעם ביד"צ פונעם עדה החרדית מיט דעם ביד"ץ פון הרב וואזנער שליט"א וואס זיי האבען טאקע אביסעל אויפגעטוהן אין דעם ענין, אבער אויך זיי גיבען א הכשר אויף סופרים וואס פארנארן דעם עולם גולם ערליכע אידען וואס גיבן גרויסע געלטער מיט מסירת נפש פאר תפילין ומזוזות, און מען שרייבט ספרי תורה מיט מסירת נפש, און נאך אלעם זאל מען געוואהר ווערען אז אלעס איז פסול, רח"ל.

ידידיכם: שלמה זלמן ווייס יו"ר, משה יחזקאל גאלדבערגער, ישראל אליעזר פריעדמאן.

וועד המחקר לעניני סת"ם ירושלים עיה"ק תובב"א